**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/3/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול און אטוירני גענעראל דזשעימס זעצן פאר ווייטער באמיאונגען צו פארטיידיגן SALT דעדוקציע

***מולטי-סטעיט קאאליציע גיבט איין פעטיציע צו יו-עס סופרים קאורט צו הערן אפיעל***

ניו יארק גאווערנער קעטי האקול און ניו יארק אטוירני גענעראל לעטישע דזשעימס האבן היינט אויסגעמאלדן אז ניו יארק, קאנעקטיקוט, מערילענד און ניו דזשערזי האבן איינגעגעבן א פעטיציע פאר צערטיאראריי צו דער יו-עס סופרים קאורט פארצוזעצן ווייטער זייער קלאגע קעגן דער פעדעראלער רעגירונג פאר איר אומגעזעצליכע און פרעצעדענטלאזע מאקסימום אויף וויפיל מען קען אראפרעכענען פאר סטעיט און ארטיגע שטייערן באקאנט אלס SALT. די היינטיגע פעטיציע בעט פונ׳ם סופרים קאורט איבערצוקוקן אן אקטאבער 2021 אורטייל דורך דער יו-עס קאורט אָוו אפיעלס געריכט פאר׳ן צווייטן צירקוט וואס האט אויפגעהאלטן דאס צוריקווייזן פון די סטעיט׳ס קלאגעס דורך דער דיסטריקט קאורט, וועלכע עס טענה׳ט אז דער SALT מאקסימום איז געווען א פאליטיש-מאטיווירטער פרואוו דורך דער פריערדיגער פעדעראלער אדמיניסטראציע זיך ארייננצומישן מיט די פּאָליסי וועל רעכט פון הויפזעכליך דעמאקראטישע סטעיטס.

״די SALT דעדוקציע מאקסימום איז גארנישט ווייניגער ווי א טאפלטע שטייער אויף ניו יארקער,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״צוריקדרייען דעם SALT מאקסימום וועט נישט נאר אריינלייגן מער געלט אין די קעשענעס פון ניו יארקער פאמיליעס, נאר עס וועט אויך געבן א העכסט-נויטיגע אונטערהייב פאר ניו יארק׳ס עקאנאמיע. איך בין שטאלץ אז מיר נעמען דעם נושא צום סופרים קאורט פארצוזעצן ווייטער דעם קאמף לטובת ניו יארקער שטייער-צאלער.״

״דער אומ׳יושר׳דיגער מאקסימום האט שוין געלייגט א באדייטנדע פינאנציעלע עול אויף אומצאליגע שווער-ארבעטנדע, מיטל-קלאס פאמיליעס אין ניו יארק, און אין די קומענדע יארן איז ערווארטעט עס וועט קאסטן ניו יארקער שטייער-צאלער איבער 100 ביליאן דאלער,״ **האט געזאגט אטוירני גענעראל דזשעימס.** ״מיר האבן איינגעגעבן דעם אנקלאג צו באשיצן מיליאנען ניו יארקער פון דער שעדליכער, פארפירטער, און אויסדרוקליך-פאליטישער אנפאל. ניו יארק וועט נישט מען נישט אנשרעקן אויף צו באצאלן מער ווי איר יושר׳דיגער טייל, און מיר וועלן ווייטער צוריק קעמפן.״

דער פראצעס — וואס איז ארגינעל איינגעגעבן געווארן אין יולי 2018 אין דער יו-עס דיסטריקט קאורט פאר דער דרום דיסטריקט פון ניו יארק — האט געטענה׳ט אז דער נייער SALT דעדוקציע מאקסימום איז איינגעפירט געווארן צו צילן אויף ניו יארק און סטעיט׳ס אין ענליכע אומשטענדן, אז עס מישט זיך אין סטעיט׳ס רעכטן צו מאכן זייערע אייגענע פינאנציעל באשלוסן און אז עס וועט אומפראפארציאנעל שעדיגן שטייער-צאלער אין די סטעיטס. די הויפט סטעיטס מיט די העכסטע דורכשניטליכע דעדוקציע פאר סטעיט און ארטיגע שטייערן — א מאיאריטעט פון וועלכע זענען דעמאקראטישע — רעכענען אריין ניו יארק, קאנעקטיקוט, מערילענד, און ניו דזשערזי.

דער 2017 טעקס געזעץ האט צוריקגעדרייט איבער א יארהונדערט פון פרעצעדענט אין דער פעדעראלער טעקס קאוד — און דראסטיש איינגעצוימט דעם סטעיט און ארטיגע טעקס דעדאָקשען דורך שטעלן א מאקסימום פון 10,000 דאלער. אן אנאליז דורך דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טעקס און פינאנץ האט פאראויסגעזען אז דער מאקסימום וועט העכערן פעדעראלע שטייערן פאר ניו יארקער אויף ביז 15 ביליאן דאלער יערליך. אלס איינע פון דעם לאנד׳ס הויפט ביישטייערונג סטעיט׳ס טוט דער אנפאל באדייטנד מער שאדן פאר ניו יארק ווי פאר פילע אנדערע סטעיטס. בעפאר דאס איינפירן פון דעם 2017 געזעץ האט שוין ניו יארק סטעיט געהאט די ברייטסטע אומגלייכקייט צווישן אלע סטעיטס ווען מען רעכנט אריין וויפיל געלט ניו יארק האט געשיקט צו וואשינגטאן די-סי און די געלטער וואס עס באקומט אויף צוריק. אנדערע ביישטייערער סטעיטס, אריינגערעכנט קאנעקטיקוט, מערילענד, און ניו דזשערזי ווערן ענליך געשעדיגט.

אין איר סעפטעמבער 2019 אורטייל, טראץ דאס פסק׳ענען קעגן ניו יארק סטעיט און אירע מיטקלאגער סטעיטס, האט דער יו-עס דיסטריקט קאורט פאר דער דרום דיסטריקט פון ניו יארק צוגעשטימט אז די סטעיטס זענען געשעדיגט געווארן באזירט אויף זייער טענה אז דער מאקסימום אויף דעם סטעיט און ארטיגע טעקס דעדוקציעס קענען אראפדרוקן היים פרייזן. דורך למעשה העכערן סטעיט פּראָפּערטי שטייער, וועט דער SALT מאקסימום אויך רעדוצירן די ווערד פון א היים אייגנטימער׳ס פּראָפּערטי, דורכדעם אפמוטיגן היים פארקויפן און רעדוצירן די איינקונפט וואס די סטעיט׳ס קענען איינקאסירן דורך שטייערן אויף אזעלכע פארקויפונגען.

באריכטן אין די פרעסע ווייזן אויך דורך אנעקדאטען אז ניו יארקער — איבערהויפט די סטעיט׳ס העכסטע פארדינער — ציען זיך שוין ארויס מיט זייערע וואוינונגען און ביזנעסער אויף סטעיט׳ס ווי פלארידע צוליב דער מאקסימום אויף SALT דעדוקציעס. אין ניו יארק טוען דער אויבערשטע איין פראצענט צאלן 46 פראצענט פון סטעיט איינקונפט שטייערן, און זיי צו פארלירן דראעט די סטעיט׳ס פעאיגקייט צו ליפערן אויף ניו יארק׳ס פארשפרעכונג צו באזארגן געלעגנהייטן פאר יעדע מענטש אין דעם סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן